דאָ איז אויסגעדריקט דער ציל, צו וועלכן אַ סך יוגנטלעכע האָבן געשטרעבט. דער גייסטיקער ניוואָ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אונדזער געגנט איז געווען אַ פאַרשיידענער. די פרומע האָבן געהאַט זייערע עסקנים, ווי, צום ביישפּיל, מרדכי־יעקב איידעלמאַן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן לעדער און שפּעטער געהאַלטן דרשות אין שול, געוואָרן דער שליח פון דער ישיבת־חכמי־לובלין, פאַר וועלכער ער איז אַרומגעפאָרן זאַמלען געלט. דער "בונד" האָט דורכגעפירט אין די וואַלן צום שטאָטראַט ווי אַ פאָרשטייער פון וואָלע שלמה וואָרצמאַנען, אַ גאַרבער, אַ ייד מיט אַ באָרד, וואָס פלעגט טראָגן אַ יידיש היטל און יעדן שבת גיין מיטן טלית־זעקל אין וואָלער בית־מדרש דאַוונען. די לינקע פּועלי־ציון האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף אַ טייל גאַרבעריי־אַרבעטער ווי בכלל אויף אַ טייל פון דער באַפעלקערונג פון דער געגנט. אין די לעצטע וואַלן צום שטאָט־ראַט אין אָנהויב 1939, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראַטמאַן מיין פעטער קאָפּל דיאַמענט, וועלכער האָט דאַן געאַרבעט אין ברוך מאַנס גאַרבעריי ווי אַ פאַרטרויענס־מאַן.

★

ווען די דייטשן האָבן אין יאָר 1939 פאַרנומען לובלין, האָט דער דייטשישער קאָמיסאַר, וואָס איז געווען באַשטימט אָנצופירן מיט דער פאַבריק, געמוזט אָנקומען צו קאָפּלען, כּדי די פאַבריק זאָל קענען ווייטער אַרבעטן. אָבער שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן זיך אָן אים געקענט באַגיין, האָבן זיי אים צוזאַמען מיט אַנדערע גאַרבער געשיקט קיין מיידאַנעק, ווו אַלע זיינען אומגעקומען. ווּ נאָר דו דייטשן זיינען אַריין אין לובלין האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ לאַגער אויף ליפּאָווע 7, אין אָנהויב נאָר פאַר געוועזענע זעלנער. אַ צווייטער לאַגער איז געווען אין פלאַגע־לאַשקעוויטשעס פאַבריק, וואָס האָט רעמאָנטירט עראָפּלאַנען. אַהין פלעגט מען כאַפּן יידן אויף צוואַנגאַרבעט. דער דריטער לאַגער איז אין 1941 געבויט געוואָרן אין מיידאַנעק. דאָרט זיינען שוין אַלע אומגעקומען.

די געטאָ איז אַרומגעצאַמט געוואָרן אין סוף 1941. ביז מאַרץ 1942 האָט מען יעדן טאָג אַרויסגענומען פון געטאָ 1500 יידן, זיי געזאַמלט אין דער מהרשל־שול, פון דאָרט זיי געפירט צום שעכטהויז הינטער וואָלע און דאַן מיט באַנען אויף ליקווידאַציע קיין בעלזשעץ און אַנדערע פאַרניכטונג־לאַגערן. אין יענער צייט זיינען געבליבן 5000 יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן. זיי האָט מען געשיקט אין געטאָ פון מיידאַן־טאַטאַרסקי. אין אָקטאָבער 1942 האָבן די דייטשן ליקווידירט די לעצטע געטאָ אין לובלין, וואָס האָט זיך געפונען צוויי קילאָמעטער פון אויסראָטונג־לאַגער מיידאַנעק.

די דייטשישע פאַבריקס־קאָמיסאַרן האָבן אַרויסגענומען פון מיידאַנעק ספּעציעלע פאַכלייט, צווישן זיי אויך איינציקע גאַרבערס. זיי האָבן געלעבט אין די פאַבריקן, געאַרבעט אומבאַצאָלט, באַקומען עפּעס צו עסן איין מאָל אין טאָג. אָבער די גאַרבערס האָבן זיך אַן עצה געגעבן. יעדער גאַרבער

האָט בײַ פּאָלאַקן יעדן חודש געקויפט אַ פעל און זי געגאַרבט צוזאַמען מיטן לעדער פון דער פאַבריק. די אָנפירנדיקע דײַטשן האָבן זיך געמאַכט ניט זעענדיק, ווײַל זיי האָבן באַקומען אַ טייל פונעם געלט, וואָס די גאַרבערס פלעגן קריגן בײַם פאַרקויפן די אויסגעאַרבעטע פעל. אין סוף מײַ 1943 האָט מען אַלע יידישע גאַרבערס גענומען קיין מײַדאַנעק צו ליקווידירן. דער איינציקער, וועגן וועמען מען ווייסט, אַז ער האָט זיך געראַטעוועט, איז געווען יצחק ראָזענצווײַג. אים האָט מען אַוועקגעשיקט קיין דײַטשלאַנד אויף צוואַנגאַרבעט. דאָרט האָט ער געאַרבעט בײַ שלאסערײַ. ווען די פאַרבינדעטע האָבן פאַרנומען דײַטשלאַנד, איז צווישן די באַפרײַטע געווען אויך יצחק ראָזענצווײַג – אַ זכר פון די וואָלער גאַרבערס. הײַנט איז ער אַ טרײַער בירגער פון ישראל.

וועגן אומקום פון די לובלינער יידן האָט מיר דערציילט מײַן קוזין שמואל קאָסמאַן. ווען דײַטשן זײַנען אַרײַן אין לובלין, איז ער נאָך דאָרט געווען עטלעכע טעג. שפּעטער זיך געשמוגלט אין ראַטן־פאַרבאַנד. איך האָב אים אַראָפּגעבראַכט קיין אַרגענטינע צוזאַמען מיט מײַן ברודער דוד. דוד האָט צוויי מאָל געהאַט געגנבעט די דײַטשיש־סאָוועטישע גרענעץ, געבראַכט קיין לובלין הילף פאַר מײַן מאַמען, שוועסטער און איר קינד. ווען ער האָט דאָס דריטע מאָל געשוואָרצט די גרענעץ, האָט אים די סאָוועטישע גרענעצוואַך אַרעסטירט. ער האָט דורכגעמאַכט תּפיסות, לאַגערן און אַנדערע אָנשיקענישן. וועגן גורל פון די לובלינער יידן האָט מיר אויך דערציילט מײַן איצטיקער חבר נחמיה ניסענבוים. ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון פוילן, איז ער נאָך געווען אַ קינד. אַ שטיק צײַט פון דער אָקופּאַציע האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין בריקמאַנס גאַרבערײַ, ווו זײַן פאָטער האָט געאַרבעט. אין דער גאַרבערײַ איז ער געווען ביז מען האָט דאָרטן ליקווידירט אַלע יידן נאָך דעם האָט ער זיך 18 חדשים אויסבאַהאַלטן בײַ אַ פּאָלאַק, באַצאָלט אים אַ סך געלט. ער איז באַפרײַט געוואָרן, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט פאַרנומען לובלין, הײַנט לעבט ער מיט זײַן פאַמיליע אין בוענאָס־אַיירעס.

איך האָב אין אַפּריל 1935 עמיגרירט קיין אַרגענטינע. מיך האָבן באַגלייט צו דער באַן מײַנע אייגענע, מײַנע שילער, די יונגבאָריסטן, יוגנט פון דער פועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע, מײַן חברטע איטקע שינקאַר און אַ סך פרײַנד און באַקאַנטע. אין יאָר 1939, ווען די הימלען אין אייראָפּע זײַנען שוין געווען פאַרכמאַרעט מיט דער היטלער־פּעסט, האָב איך אראָפּגענומען קיין אַרגענטינע מײַן מיידל, מיט וועלכער איך האָב זיך געחברט אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן געשאַפן אַ שיינע היימישע נעסט, קינדערלעך זײַנען געבוירן געוואָרן, מיר האָבן זיי געגעבן אַ יידישע דערציונג, זיי געלערנט אין מיטלשולן, אוניווערסיטעטן און אַ סך דערגרייכט מיט זיי. זיי האָבן חתונה געהאַט און געבראַכט אַ דור אייניקלעך, וועלכע האָבן אויך געלערנט און געקראָגן פרײַע פּראָפעסיעס. צוויי לערנען נאָך אין אוניווערסיטעט. אין גיכן דארף קומען אַן אוראייניקל. מײַן פרוי וועט עס שוין ניט קענען זען, ווײַל זי איז נפטר געוואָרן אין פעברואַר 1992. וואַרט זי דאָרט אויף מיר, אויפן בית־עולם, אונטער דער מצבה. יאָ, איך וועל זיכער קומען... און זײַן נאָך אַ מאָל צוזאַמען...



דער פּאַרקן און אַרײַנגאַנג אויפן בית הקברות אין לובלין, רעסטאַווירט אַ דאַנק דער משפּחה פרענקעל פון בעלגיע

הגדר והכניסה לבית הקברות היהודי בלובלין, ששוקם ע"י משפחת פרנקל מבלגיה

# פיר פון זעקס מיליאָן...

## אדאם געלדמאַן, סאַן־פּראַנציסקאָ

איך האַלט אין האַנט אַ בריוו פון ירושלימער אינסטיטוט "יד־ושם". אין אים מעלדעט מען מיר, אַז די נעמען פון מײַנע עלטערן, מײַן שוועסטער און מײַן ברודער זײַנען פאַרשריבן אין די רשימות פון די קרבנות פון דער שואה, וועלכע געפינען זיך אין אינסטיטוט.

אין איין נאָוועמבער־טאָג פון יאָר 1991 בין איך מיטן אויטאָבוס געפאָרן פון תּל־אביב קיין ירושלים. איך בין שוין איין מאָל געווען אין ירושלים מיט אַן עקסקורסיע. בײַם כותל־מערבי האָב איך זיך צוגערירט צו די גראָע שטיינער, וועלכע זײַנען אַ מאָל געווען אַ טייל פונעם פּרעכטיקן בית־המיקדש, וואָס שלמה המלך האָט אויסגעבויט מיט דרײַ טויזנט יאָר צוריק. איך האָב באַזוכט די כנסת, די ציטאַדעל פון דער ישראלדיקער דעמאָקראַטיע, געווען אין הרצל־מוזיי. כ'בין אַרויף אויפן באַרג, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דאָזיקן גרויסן מענטש. כ'האָב שפּאַצירט איבער די גאַסן פון דער שטאָט, וועלכע כ'האָב דאָס גאַנץ לעבן געהאַלטן פאַר אומדערגרייכבאַר.

דאָס מאָל בין איך געקומען אין דער הויפּטשטאָט פון ישראל מיט איין ציל: באַזוכן "יד־ושם" — דעם נאַציאָנאַלן אינסטיטוט פון שואה און גבורה, וועלכער איז געווען געגרינדעט מער ווי מיט פערציק יאָר צוריק. איך בין דאָרט אָפּגעווען אַ גאַנצן טאָג. אין די זאַלן פונעם מוזיי זײַנען פאַראַן טויזנטער עקספּאָנאַטן, אין וועלכע עס איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן די פאַרשאָלטענע צײַט פון באַבי־יאַר און טרעבלינקע. איך בין געגאַנגען פון זאַל צו זאַל, פון איין דענקמאָל צום צווייטן, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין דער וועלט איז ניטאָ קיין מער טרויעריקער אָרט.

דער "יזכּור־זאַל". אין צענטער ברענט דער נר־תּמיד און עס שטייט אַן אורנע מיטן אַש פון די אומגעקומענע. אויפן מאָזאַיִשן דיל — די נעמען פון די גרעסטע קאָנצלאַגערן. סאָביבאָר... מײַדאַנעק... אָסווענצים... בעלזשעץ. אַ קעלט האָט געווייט פון די דאָזיקע אויפשריפטן. אין איינעם פון די לאַגערן (איך קען ניט וויסן קאָנקרעט אין וועלכן) האָבן געענדיקט זייער לעבן מײַנע סאַמע נאָענטסטע מענטשן.

און אָט איז דער בנין פון היסטאָרישן מוזיי. עס דאַכט זיך, אַז אין די עקספּאָנאַטן פון דעם אוניקאַלן מוזיי ליגט אַ ווייטיק, אוגעהײַערע לײַדן און העראָיִזם פון אַ פאָלק, וועלכן די פאַשיסטן האָבן פאַראורטיילט צום אומקום. כ'האָב געזען הונדערטער פאָטאָגראַפיעס. אויף מיר האָבן געקוקט ביז משוגעת דערשראָקענע אויגן פון אַ מאַמע אין אַ קאָלאָנע פון צום טויט פאַרמישפּטע מיט אַ קינד אויפן האַנט, אויגן פון קינדער, שטאַרבנדיקע פון הונגער אויף די גאַסן פון געטאָ, אַ ייִדיש ייִנגל מיט אויפגעהויבענע הענט אַנטקעגן אַן אָנגעצילטן אויטאָמאַט... דאָס ייִנגל האָט מיר דערמאָנט מײַן ייִנגערן ברודער. אפשר האָט אויך אים מיט אַזאַ אויטאָמאַט דערשאָסן אַ מערדער אין אַ זעלנערישן מונדיר? אויף די פאָטאָגראַפיעס — די אויפגעשטאַנענע וואַרשעווער געטאָ. העלדישע פנימער פון יונגע קאָמאַנדירן. אַ שלאַכט. ברענענדיקע הײַזער...

די העלדן און קרבנות פון וואַרשעווער געטאָ איז געווידמעט אַ מאָנומענט פון סקולפּטאָר נתן ראַפּאָפּאָרט. נאָך איינעם זײַנעם אַ מאָנומענט האָב איך געזען אויף איינער פון די וואַרשעווער גאַסן, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון לודוויק זאַמענהאָף.

אַ דערוואַקסענעם מענטש פּאַסט ניט צו וויינען. אָבער כ'האָב זיך ניט געקענט באַהערשן ווען איך בין אַרײַן אין קינדער־מעמאָריאַל, דאָס שרעקלעכסטע אָרט פון טרויעריקן קיניגרײַך. אים האָט מען אויסגעבויט צום אָנדענק פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן ייִדישע קינדער, קרבנות פון דער שואה. עס פינקלען די פײַערלעך פון די ליכט... עס בײַטן זיך פּנימלעך פון קינדער, וועמען מען האָט ניט געלאָזט אויסוואַקסן... שטיל שפּילט די מוזיק, אַ פאַרדומפּטע שטים רופט אָן די נעמען פון די קינדער און דאָס אָרט פון זייער אומקום...

איך גיי אַרײַן אין דער מעמאָריאַלער סינאַגאָגע. דאָס איז ניט קיין גרויסער, פּשוטער בנין — אַ סימבאָל פון טויזנטער בתּי־מדרשים, וואָס די פאַשיסטן האָבן צעשטערט. איך זאָג אין זיך די ווערטער פון באַוווסטן ליד־געבעט, ליד־טענה פון לײַדנדיקן פאָלק: "אלי, אלי, למה עזבתּנו?" דאָס ליד ענדיקט זיך מיט די ווערטער "שמע־ישראל". און דאָס זײַנען די לעצטע ווערטער, וועלכע עס זאָגט אַרויס אַ מענטש איידער די נשמה פאַרלאָזט זײַן גוף.

אַ פּשוט שיפל מיט צוויי רודערס. דאָס האָט מען געבראַכט פון דענעמאַרק. אין אַזוינע שיפלעך האָבן די דענישע אונטערערדלער אַרויסגעפירט אין אָפענעם ים די ייִדן, וועלכע די דײַטשן האָבן זיך געקליבן אַרויסצופירן קיין אָסווענצים. פישער האָבן דערנאָך די געראַטעוועטע אַריבערגעפירט אין נייטראַלן שוועדן. אַ דאַנק דעם העלדנטאַט פון די דענער זײַנען אין דענעמאַרק אומגעבראַכט געוואָרן נאָר פופציק ייִדן — איין פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. אין מײַן לאַנד זײַנען נאָר צען פּראָצענט ייִדן לעבן געבליבן...

אויף ביידע זײַטן פון דער אַלעע "חסידי אומות העולם" זײַנען אײַנגעזעצט ביימער. זיי האָבן געזעצט די, וועלכע האָבן ריזיקירט מיטן אייגן לעבן און באַהאַלטן בײַ זיך ייִדן, געראַטעוועט זיי פון אַ זיכערן טויט. ניט קיין סך זײַנען געווען אַזוינע רעטער, אַזוינע שינדלערס, וואַלענבערגס, גראַבעס און אַנדערע גוטע, באַרמהאַרציקע, ערלעכע, העלדישע מענטשן. צום באַדויערן זײַנען מנוּוולים געווען אַ סך מערער...

עטלעכע מינוט בין איך געשטאַנען בײַ דער סקולפּטור "קאָרטשאַק און די קינדער פון געטאָ", וועלכע אַנטפּלעקט איינעם פון די סאַמע ווערדיקע מענטשן פון אונדזער יאָרהונדערט. ער נעמט אַרום זײַנע קליינע תּלמידים, מיט וועלכע ער גייט צוזאַמען דעם לעצטן וועג.

אין "נעמען־מעמאָריאַל", אין וועלכן איך בין אַרײַן פאַרענדיקנדיק מײַן באַזוך אין "יד־ושם", געפינען זיך די נעמען פון די יעניקע, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך בלויז אַ הייפּל אַש, פון וועמען עס זײַנען ניטאָ ניט קיין קברים, ניט קיין מצבות, ניט קיין דענקמעלער. דאָרט זײַנען שוין דאָ מער ווי דרײַ מיליאָן אַזוינע נעמען.

אַ מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז מײַן משפּחה איז אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע פון פּוילן, האָט מיר געגעבן פיר אַנקעטעס, וועלכע איך האָב געדאַרפט אויספילן נאָכן קומען אַהיים.

דער טאָג איז געגאַנגען צום סוף ווען איך בין אַרויס פון "יד־ושם". איך בין געגאַנגען איבער די ירושלימער גאַסן און מײַנע געדאַנקען זײַנען נאָך אַלץ געווען דאָרט. פאַרבײַ מיר זײַנען געגאַנגען יונגע מענטשן. זיי האָבן הויך גערעדט, געלאַכט, דיסקוטירט. און דאָרט... דאָרט האָט געהערשט אַ שטילקייט. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלץ איז פאַרגליווערט געוואָרן אין גרויל פון דער קאַטאַסטראָפע, דער שרעקלעכסטער קאַטאַסטראָפע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע אַרום זײַנען אַנטשוויכן געוואָרן און געבויגן דעם קאָפּ פאַרן אָנדענק פון די, וועלכע זײַנען מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק אַוועק אין דער אייביקייט...







★

...דער אויטאָבוס האָט מיך געפירט אַלץ ווײַטער און ווײַטער פון דער הייליקער שטאָט. כ'האָב נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל געלייענט די "בלעטלעך", וואָס מען האָט מיר געגעבן. אַ רגע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב שוין אויסגעפילט די אַנקעטעס און ווער ניט איז לייגט זיי אַרײַן אין פיר פּאַפּקעס, אַזוינע, וועלכע ליגן אין די שוואַרצע נישעס פון "נעמען־מעמאָריאַל". מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ'האָב אָנטיילגענומען אין די לוויות פון מײַנע נאָענטע – נאָך דעם ווי ס'איז אַוועק אַ האַלבער יאָרהונדערט.

פון פּאַפּירטאַש האָב איך אַרויסגענומען פיר פּאָטאָגראַפיעס, וועלכע כ'האָב מיטגענומען ווען איך בין אַרויס פון מײַן ברענענדיקער געבורטשטאָט. זיי זײַנען שטענדיק מיט מיר. די טײַערסטע רעליקוויעס, די וווּנדערלעכע קמיע, וועלכע האָט מיך געהיט די אַלע יאָרן.

דער שמייכלענדיקער יינגל, וואָס שפּאַצירט מיט זײַן מאַמען – מײַן יינגערער ברודערל. ער האָט געהייסן יצחק. ער איז געבוירן חמישה־עשר בשבט און מען האָט אים צערטלעך גערופן "חמישה־עשר־יינגעלע". ער איז געווען אַ גוט, ערלעך קינד. איך האָב אים ליב געקראָגן גלײַך ווי ער איז געבוירן געוואָרן. אים איז געווען דרײַצן יאָר ווען ער איז אומגעקומען. ער האָט דערגרייכט דעם בר־מצווה־עלטער. אָבער קיינער האָט אים אין טאָג פון זײַן פוליאַריקייט, ווי עס איז אָנגענומען אין דער יידישער טראַדיציע, ניט אויסגערופן צו לייענען תורה און ניט אָנגערופן רב יצחק בן־שמואל־דוד. גאָט מײַנער, פאַרוואָס האָסטו אַזוי פרי איבערגעריסן דאָס לעבן פון דעם יינגל? מיט וואָס האָט ער באַוויזן זיך צו פאַרזינדיקן?

אויף אַ צווייטער פּאָטאָגראַפיע – אַ יונגע פרוי מיט גלאַטע האָר און קאָקעטישע פאות בײַ די אויערן. אויף איר פּנים – אַן איינגעהאַלטענער, עטוואָס אָפּלאַכערישער שמייכל. דאָס איז מײַן שוועסטער חוה. זי איז געווען עלטער פון מיר מיט אַכט יאָר. איך פלעג זיך מיען נעמען פון איר אַ בײַשפּיל. מיר איז געפעלן איר פעסטער, פאַרשייטער כאַראַקטער. נאָך לערנענדיק אין שול האָט זי זיך איבערגעגעבן מיט די ציוניסטישע אידעען, פאַרלאָזט דעם לעצטן קלאַס גימנאַזיע, אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק אויף הכשרה, ווו מען האָט געגרייט די יוגנט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע און אַרבעטן אין קיבוץ. ווען ס'וואָלט מקוים געוואָרן איר טרוים צו עמיגרירן, וואָלט זי געבליבן לעבן...

מײַן מאַמע האָט געהייסן איטע. געבוירן איז זי אין שטעטל קאָנסטאַנטינאָוו, ערגעץ אויפן פּויליש־ווײַסרוסישן גרענעץ. זי האָט פרי חתונה געהאַט. געבאָרן דרײַ קינדער. מיר האָבן זייער ליב געהאַט אונדזער מאַמען. פון אין דער פרי ביז בײַ נאַכט איז זי געווען פאַרנומען. זי האָט געראַמט, געוואַשן, געצירעוועט, געקאָכט. איך געדענק ניט ווען זי פלעגט זיך רוען. אפשר נאָר יום־טוב, ווען עס איז אַ זינד צו אַרבעטן. צו צוועלף יאָר בין איך שווער קראַנק געוואָרן. די מאַמע האָט מיך אָפּגעפירט אין אַ

ווארשעווער שפּיטאָל און אָפּגעוועון מיט מיר עטלעכע חדשים, די שטוב האָט זי געלאָזט אויף דער טאָכטער. אָט איז זי אויף דער פאָטאָגראַפיע – אַ יאָר אָדער צוויי פאַר דער מלחמה. אַ שיינע, שלאַנקע פרוי מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים. אַן איבערגעגעבענע ווייב, צאַרטע מאַמע. זי האָט אָפּגעלעבט ניט קיין לייכטן און, צום באַדויערן, ניט קיין לאַנגן לעבן.

אַ לאַנגע, געלע, עטוואָס גראָלעכע באָרד. ברייט אויפגעעפנטע אויגן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ גוטסקייט און יידישע חכמה. דאָס איז מיין טאַטע. זיין נאָמען איז געווען שמואל.

ווען מיר איז געוואָרן זעקס יאָר האָט ער מיך אָוועקגעפירט אין שול־חדר. אין אַ סך יאָרן אַרום האָב איך אָפּגעזוכט די שול, צוגעגאַנגען צום גראָען הייזל, כ'האָב דערפילט אין מיין האַנט די וואַרעמקייט פון טאַטנס דלאָניע...

אין דער פרי פלעגן מיר צוזאַמען אַרויסגיין פון שטוב, איך – אין שול, ער – אין זיין קאַנטאָר. מיטן שטעקעלע אין איין האַנט און שווערן פּאָרטפעל אין דער צווייטער. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שוואַרץ חסידיש היטל... זיין פּאָרטפעל איז געווען אַן אייגנאַרטיקער סייף. אין אים פלעגט ער אין אָוונט אַוועקטראָגן און אין דער פרי ברענגען צוריק אַלע אוצרות פון דעם ניט גרויסן באַנק אויף ליובאַרטאָווסקע, אין צענטער פון לובלינער יידישן קוואַרטאַל.

זונטיק (ווי, פאַרשטענדלעך, שבת) פלעגט דער טאַטע ניט אַרבעטן. דאַן פלעגן צו אונדז קומען אומבאַקאַנטע מענטשן. דער טאַטע פלעגט זיך מיט זיי פאַרמאַכן אין עסצימער, זיי פלעגן לאַנג און אַ סך ריידן, זיך דינגען, איבערהאַקן איינער דעם אַנדערן. דאָס איז געווען אַ מין אַרביטראַזש. מיין טאַטע האָט זיך גוט פונאַנדערגעקליבן אין די טראַדיציאָנעלע יידישע געזעצן און אויך אין די ענינים פון די אָרטיקע "ביזנעסלייט". זיי פלעגן ביי אים אָפּט בעטן ער זאָל לייזן זייערע שטרייטן.

אין אַלטן ביכערשאַנק זיינען געשטאַנען אמאָליקע יידישע ספרים אין שוואַרצע לעדערנע טאָוולען. ס'פלעגט טרעפן, אַז אין די אָוונטן פלעג איך געפינען דעם טאַטן זיצנדיק איבערן תלמוד. ער פלעגט מיך, אַ גימנאַזיסט פון די עלטערע קלאַסן, אַוועקזעצן לעבן זיך, עפענען איינעם פון די אַלטע ביכער און דערקלערן וויפל חכמה, וויפל קלוגע געדאַנקען עס געפינען זיך אין דעם דאָזיקן בוך...

ס'איז געווען מאַרץ פון יאָר 1936. אין שטעטל פשיטיק איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם. אויפן רוף פון איינער פון די יידישע פּאַרטייען איז געווען פּראָקלאַמירט אַ פּראָטעסט־שטרייק. איין טאָג איז אונדזער גאַנצער קלאַס, סאָלידאַריזירנדיק זיך מיט די שטרייקער, ניט געקומען צו די לימודים. עס איז געווען אַ גרויסער סקאַנדאַל. דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך (איך בין געווען דער קלאַס־סטאַראָסטע) און זייער שטרענג געמאָלדן, אַז מיין "הינטישער פליכט" (אַזוי האָט ער געזאָגט: "פּסי אָבאָוויאָנזעק") איז געווען ניט צו דערלאָזן אַזאַ שענדלעכן פאַקט. דער פאַן דירעקטאָר האָט צוגעזאָגט מיך אַרויסצוטרייבן פון שול. אין אָוונט האָב איך וועגן דעם דערציילט די עלטערן. די מאַמע האָט זיך שרעקלעך דערשראָקן. דער טאַטע האָט ניט געזאָגט קיין איין וואָרט. אויף מאָרגן איז ער אַוועק אין שול און דערקלערט דעם פאַן פאַסטערנאַק (אַזוי האָט געהייסן דער דירעקטאָר), אַז די קינדער האָבן געהאַנדלט ריכטיק, און אויב דער דירעקטאָר וועט באַשטראָפן זיין זון, וועט ער האָבן צו טאָן מיט דער גאַנצער יידישער געמיינדע פון שטאָט. די יידן זיינען דאַן געווען אַ דריטל פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. איך בין אָפּגעקומען מיט שרעק און נאָך מער אָנגעהויבן אַכטן דעם טאַטן.

שבת פלעגט דער טאַטע אָנטאָן די שוואַרצע יום־טובדיקע קאַפּאָטע און מיר פלעגן גיין אין בית־מדרש, ד.ה. אין חסידים־שטיבל. דאָס איז געווען אַ גרויסער צימער אויפן צווייטן שטאָק פון אַן אַלט הויז, ווו ס'פלעגן דאַוונען די חסידים. ווען מיר פלעגן קומען צוריק, פלעגט שוין וואַרטן דער שבתדיקער מיטאָג מיט אַ הייסן טשאָלנט און אַלע איבעריקע יידישע מאכלים.

עס זיינען ביי אונדז געווען יום־טובים. ליכטיקע, פריידיקע. ס'איז געווען דער פריילעכער פורים מיט די געשמאַקע המן־טאַשן. ס'איז געווען דער סדר און די פּסחדיקע נאַכט מיטן גרויסן כּוס וויין אויפן טיש, פון וועלכן עס האָט געדאַרפט אָפּטרינקען אליהו־הנביא... אָבער ער איז צו אונדז אין שטוב קיין מאָל ניט געקומען... און די ווינטערדיקע פרעסט פלעגט אָנקומען חנוכּה. ס'האָבן געברענט פאַרשיידנפאַרביקע ליכטלעך. אויפן טיש האָט זיך געדרייט דאָס "דריידל", ביי די קינדער אין די קעשענעס האָט געקלונגען קליינגעלט – "חנוכּה־געלט".

דעם 18 סעפּטעמבער האָבן די דייטשן אָקופּירט לובלין. דאָס לעבן פון די יידן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום, מען האָט זיי געצוואונגען אָנצוטאָן ווייס־בלאָע "שאַנדבענדער". אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, צוגענומען דאָס האָב־און־גוטס, אַרויסגעטריבן פון די דירות. דערנאָך אַריינגעטריבן אין געטאָ. שפּעטער האָט מען די געטאָ ליקווידירט און אירע איינוווינער אָפּגעשיקט אין די גאַזקאַמערן... צווישן די, וועלכע זיינען אומגעקומען זיינען געווען מיין יינגערער ברודער, די שוועסטער, מיין טאַטע און מיין מאַמע.

איך האָב אַ סך מאָל געפּרוּווט זיך דערוויסן דעם גורל פון מיין משפּחה. פון קעשענעוו, ווו איך האָב געלעבט אַ סך יאָרן נאָך דער מלחמה, האָב איך געשריבן צום פּוילישן רויטן קרייץ. ווען איך בין געקומען קיין לובלין (כ'בין דאָרט געווען צוויי מאָל אין משך פון די לעצטע פינף יאָר) בין איך געגאַנגען אויף דער גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט, געקלאַפּט אין אַלע הייזער, זיך נאָכגעפרעגט ביי אַלטע מענטשן. קיינער האָט קיין זאַך ניט געדענקט. כּמעט אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך געגריבלט אין די אַרכיוון פון מיידאַנעק, אָבער אין קיינע רשימות, קיינע קאַרטלעך איז ניט געווען די פאַמיליע גאָלדמאַן. דער דירעקטאָר פון מוזיי, טשעסלאַוו רייפּאַ, מיט וועמעס טאָכטער כ'האָב זיך באַקענט אין סאַן־פראַנציסקאָ, האָט מיר דערקלערט, אַז מיין זוכעניש איז אויסזיכטלאָז. זייער אַסך לובלינער יידן זיינען געווען אָפּגעשיקט אין טויטלאַגער בעלזשעץ. די דייטשן האָבן דעם לאַגער ליקווידירט, די דאָקומענטן פאַרניכטעט.

אַזוי האָב איך זיך קיין זאַך ניט דערוווּסט וועגן די פיר נאָענטסטע מענטשן. פיר – פון כּמעט פערציק טויזנט לובלינער יידן, וועמען די פאַשיסטן האָבן אומגעבראַכט. פיר – פון זעקס מיליאָן קרבנות פון דער קאַטאַסטראָפע..

...דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען די לעצטע סטאַנציע. תל־אביב.

# א גוט יאָר

## דוד שטאָקפיש

ס'איז איצט ערב דעם נייעם יאָר 1997. צום ערשטן מאָל, נאָך העכער 30 יאָר, ווי איך האָב נישט באוויזן צוצושיקן א פערזענלעכן ניי־יאָר ווונטש ערב ראש־השנה, פשוט דערפאַר, ווייל כ'בין אין די חדשים יולי־אויגוסט־סעפטעמבער געלעגן אין שפיטאָל. נוץ איך איצט אויס די געלעגנהייט, כדי דורך דעם "קול לובלין" איבערשיקן די הארציקסטע ניי־יאָר ווונטשן פון א סך געזונט און גליק פאר יעדן לובלינער ייד און זיין משפחה, אין לאנד און אין אויסלאנד. דערביי וויל איך באדאנקען די אלע וואָס האָבן מיר געשיקט א שנה טובה קארטע, נאָר איך האָב נישט געקענט זיי ענטפערן.

★

אין דעם לעצטן יאָר, האָבן מיר נישט געפּירט די טעטיקייט ווי אין די פאָריקע יאָרן. אונדזער עולם איז געוואָרן עלטער, און ווי באוווסט, קומען א סך קראנקייטן און שוואכקייטן, מיט דער זיקנה. און לויטן באקאנטן ווערטל "וואָס עלטער, אלץ קעלטער", אזוי אויך ביי אונדז. מיט די יאָרן קומט אויך גלייכגילטיקייט, אפאטיע, "סע גייט מיך נישט אָן". נאָר כל זמן ס'איז נאָך פאראן עטלעכע "משוגעים", וואָס פארמאָגן גענוג נאָסטאלגיע און זכרון פון דער אלטער היים און ווילן נאָך אלץ אויפהאלטן דאָס געדעכעניש פון דער יידן־שטאָט לובלין, מיט איר שפרודלדיקן לעבן – וועט מען ווייטער פירן די טעטיקייט, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אין 1995 און 1996, הגם אין א פארקלענערטער פאָרם.

פון די וויכטיקע אויפטוען דעם לעצטן יאָר:

• א צוזאמענטרעף דעם 6.11.95 מיט געסט פון ווארשע: קאראָלא און בינם ווייס. נאָך דער באגריסונג פון פאָרזיצער, און שילדערן די אויפטוען פון בינם ווייס פאר דער פאראייביקונג פון לובלין, אויסער זיין ליטערארישע און רעדאקטאָרישע טעטיקייט, האָבן נאָך גערעדט: מארק אורטמאַן, דוד רוער, יוכבד פלומענקער און צעשא פישער־טראכטענבערג. קאראָלא ווייס האָט געענטפערט אויף די באגריסונגען און ד"ר ווייס האָט זיך געטיילט מיט זכרונות.

• די אזכרה צום אָנדענק נאָך אונדזערע קדושים, איז פאָרגעקומען דעם 28סטן נאָוועמבער 1995. דער חזן פון צה"ל, אריה בראון האָט געלאָזט הערן דעם "אל מלא רחמים" און "קדיש". מ'האָט אָנגעצונדן 6 ליכט און ד"ר יצחק אלפסי האָט אין זיין רעפעראט ארומגערעדט וועגן דער יידישער לובלין. ד. שטאָקפיש האָט מספיד געווען די לובלינער, וואָס זענען במשך דעם יאָר אוועק אין דער אייביקייט. עס זענען אויך ארויסגעטרעטן מ. אָרטמאַן און א. לאסקאָווסקי.

• צו די 65 יאָר פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין פאריז, איז מיט דער הילף פון דעם אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, פאָרגעקומען די אנטהילונג פון א פלאַג אין קינדער־מוזעאום "יד לילד" אין קיבוץ לוחמי הגיטאות. צו דער פייערונג איז ארויסגעפאָרן א דעלעגאציע פון לובלינער קאָמיטעט.





אויף דער יום העצמאות פייערונג אין רמת־גן

בנשף יום העצמאות ברמת־גן





די אזכרה אין נחלת יצחק, ביי דער מצבה לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאנעק

אזכרה בנחלת יצחק, ליד המצבה לזכר קדושי לובלין ומיידאנק

• די צווייטע, טראַדיציאָנעלע אזכרה איז פאַרגעקומען אין טאָג פון דער שואה און גבורה, אויפן בית־עולם אין נחלת יצחק, נעבן דער מצבה לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק. דעם טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן טייל האָט אויסגעפירט דער חזן. עס האָבן אויך גערעדט א. לאַסקאָווסקי און ד. שטאָקפיש.

• די יום־העצמאות פייערונג אין "בית האזרח" אין רמת־גן, איז היי־יאָר געווען געווידמעט דעם 90סטן געבוירן יאָר פון ד"ר נתן בן־טובים, דער זון פון בעלא דאַבזשינסקא ע"ה. דעם בעל־היובל האָט באַגריסט דער פאַרזיצער פון די לובלינער און אונטערגעשטראָכן זיינע פאַרדינסטן צו פאַראייביקן לובלין, ווי דער אלבום פון די יידישע אלערטימלעכקייטן אין שטאָט און דאָס בשותפותדיקע ארויסגעבן, אין עברית־יידיש, מיט רבקה און יהושע גאָלדבערג ז"ל, די פאָעמע "ביים פנקס פון לובלין" פון משה שולשטיין.

דער עולם האָט פאַרברענגט ביי א געשמאַקן מאָלצייט, געזאַנג און טענץ, אין א היימישער, לובלינער סביבה.

• נאָך עפּעס: לובלינער יידן האָבן כמעט ווי אויפגעהערט צו געבן געלט פאַר זייער אָרגאַניזאַציע און באַדערפעניש. אזוי אין לאַנד, ווי אין אויסלאַנד. איר קענט דאָס זען פון דער רשימה באַשטייערונגען. באַזונדערס וועט זיך דאָס אָפּרופן אויף אונדזער יערלעכן זשורנאַל "קול לובלין". ס'איז נישט קיין סוד, וואָס ארויסגעבן און פוונאַנדערשיקן אזא צייטונג (קיין אויסלאַנד – מיט לופט־פּאָסט) טרייבט אונדז אריין אין אן אויסגאַבע פון העכער 4 טויזנט דאָלאַר. דערפאַר זאָגן מיר איצט מיט דער פולער אחריות: ווער ווייסט צי ס'איז נישט אמאָל דער לעצטער נומער "קול לובלין".

32 יאָר האָט די צייטונג באַגלייט אַלע לובלינער, אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אין פריידן און אין ליידן, מיט זכרונות, מיט דערינערונגען פון די מלחמה יאָרן. היינט טוען מיר אַלץ וואָס מעגלעך, כדי צו דערהאַלטן די טריבונע פאַר אונדזערע יידן. דאָס קאָן געטאָן ווערן נאָר מיט אייער הילף.

די פראַגע איז: צי וועלן מיר זוכה זיין צו א המשך־דור. צי וועט ווער פון אונדזערע קינדער, אָדער אייניקלעך וועלן דערגיין צו די וואָרצלען, ווו זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן געשפּינט דאָס יידישע לעבן?

האָבן מיר אין בקשה צו אייך: יעדער איינער, אויב ער קען, און וויפל ער קען, זאָל אונדז העלפן אין דער ארבעט, וואָס מיינט פאַראייביקונג, און קעגנזייטיקע הילף.

---

# דאָס פּינטעלע ייד

## מאָניש איזראַלעוויטש

מיט א געוויסער צייט צוריק, האָט זיך מיט מיר פארשטענדיקט לוציאַן יאַוואָרסקי, דיריגענט פון מלוכהשן מוזיקאַלישן טעאַטער "לובלינער אָפּערע", פאַרן אויספירן אויף דער בינע: "דער פידלער אויפן דאך". זיין ביטע איז געווען, כ'זאָל אים אויסטייטשן געוויסע פראַגמענטן פון דעם יידישן אויסלייג אויף פויליש. איך האָב אים אויך אויפגעקלערט געוויסע איינצלהייטן פון טראַדיציאָנעלע מנהגים. אלס דאנק בין איך געווען איינגעלאַדן אויף דער פרעמיערע.

מיט עטלעכע טעג צוריק, קומענדיק פון דער ארבעט אויפן אוניווערסיטעט, דערציילט מיר מיין טאָכטער, אז ס'האָט זיך צו איר געווענדט פראָפ. אַנדרעאַ יאַוואָרסקאַ, וועלכע פירט אויפן אוניוורסיטעט דעם מוזיקאַלישן ארטיסטן־אינסטיטוט, מיט דער פראַגע: ווער קען איר העלפן ביים אויסטייטשן אקצענטן פון יידישע לידער אויף דער פוילישער שפּראַך.

ווייזט אויס, אז דער אויבן דערמאָנטער דיריגענט לוציאַן יאַוואָרסקי. איז איר מאַן. מעגלעך, אז ער האָט איר דערמאָנט וועגן דער טרעפונג מיט מיר. אין רעזולטאט האָבן מיר געהאט א טרעפונג מיט פראָפ. אַנדרעאַ יאַוואָרסקאַ ביי מיר אין שטוב. זי האָט מיר אויפגעקלערט די וויכטיקייט פון דער געהעריקער טאָנאַציע און די געהעריקע אקצענטן ביים זינגען. לויט מיינע מעגלעכקייטן האָב איך איר געהאָלפן.

אינעם שמועס האָב איך איר דערציילט וועגן דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט פון די יידן אין פוילן. איך האָב איר באַקענט מיט אונדזער ליטעראַרישער ירושה, מיט אונדזערע פאָלקס־שרייבער און מיט אונדזערע מנהגים.

נאָך א לענגערן שמועס, האָט פראָפ. אַנדרעאַ יאַוואָרסקאַ דערקלערט, אז זי שטאַמט פון דער אונגאַרישער שטאָט פעצס (240 קמ. פון בודאַפּעשט). איר זיידע האָט געשטאַמט פון יידן. איר מוטער האָט איר טיילמאָל דערציילט וועגן יידישע מנהגים און יום־טובים. איר פאָטער איז געווען מעדיצין־דאָקטער. אין דער אָקופּאַציעצייט האָט ער געהיילט יידישע קראַנקע. ווען די געסטאַפּאָ האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָבן זיי אים געשיקט אין א לאַגער. פון דאָרטן איז ער שוין נישט צוריקגעקומען. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זענען קריסטן, האָבן זיי פארלאָזט זייער ווין־אָרט. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, זענען זיי צוריקגעקומען אין זייער דירה.

אין לובלין וווינט אַנדרעאַ יאַוואָרסקאַ שוין עטלעכע צוואַנציק יאָר. איר מאַן איז א פּאָליאַק.

איך האָב איר געוויזן "דאָס יידישע וואָרט". זי האָט מיט פאַראינטערעסירונג איבערגעקוקט די צייטונג און תיכף באַשלאָסן זי צו אבאָנירן. זי האָט אויך צוגעזאָגט, אז יעדעס מאָל ווען מיר וועלן האָבן אן אימפּרעזע אין אונדזער לאָקאַל, וועט זי גערן קומען.

אזוי ארום האָט זיך אויפגעוועקט אין איר הארצן דאָס פּינטעלע ייד.

teatrnn.pl

# אימפּאָזאַנטע פייערונג פון דריי סאָסיעטעס אין פּאַריז: לובלין, פּאַרטשעוו און לובאַרטאָוו – אונטערן צייכן פון 3.000 יאָר ירושלים

## פון גיטעלע עדעל

ס'האָבן זיך צוזאַמענגענומען פון די אַמאָליקע שטעטלעך אין פּוילן, די לאַנדסמאַנשאַפטן אַרום לובלין מיט איר הויפּט־שטאָט לובלין, צו פייערן 3.000 יאָר ירושלים, און אויך אַדורכגעפירט דעם יערלעכן באַנקעט. בדרך כלל קומען זיך צונויף די לאַנדסמאַנשאַפטן עטלעכע מאָל אין יאָר כדי אָפּצייכענען טראַדיציאָנעלע און אויך געשיכטלעכע דאַטן. חורבן און גבורה פאַרנעמען אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע א גאָר גרויסן פאַרנעם. ווועלן מיר ביי דער געלעגנהייט אויסדרוקן אונזער פילפאַכיקע אנערקענונג די איניציאַטאָרן און די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַט־אַזאַ ווייט נישט לייכטע אַרבעט, ווי אַדורכפירן אזא אונטערנעמונג. דערביי איז מען פאַרזאָרגט: וועלן קומען מענטשן? נאָר נישט, חלילה, צוליגן קיין געלט!...

מ'מוז דאָך פאַרזיכערן פאַר אַ באַשטימטע צאָל געסט... ס'האָט דער פיזיאָלאָגישער פּראָצעס,ליידער, ביי אונדז צוגענומען זייער פיל אַקטיווע מיטגלידער. און דאָך באַווייזט נאָך דער אומדערמידלעכער משה זאַלצמאַן, צוזאַמען מיט די קאָמיטעט־מיטגלידער פון די סאָסיעטעס (ווי האָט יידל ראָזנצווייג געשריבן אין באַגריסונג־בריוו צום באַנקעט, וועלכער איז געלייענט געוואָרן דורך דער שרייבערין פון די שורות) – משה זאַלצמאַן דער געזעלשאַפטלעכער פענאָמען... איז טאַקע אַ דאַנק אַזעלכע פענאָמענאַלע געשטאַלטן, וועלכע גיבן אַוועק אַ טייל פון זייער לעבן פאַרן כלל. אָנרעגן אויך אנדערע, צו אַקטיווער אַרבעט פאַר דער עקזיסטענץ פון די אָרגאַניזאַציעס...

משה זאַלצמאַן באַגריסט דעם צאָלרייכן עולם, רעדט וועגן דעם הויפּטציל פון דעם היינטיקן פייערלעכן צוזאַמענטרעף – 3.000 יאָר ירושלים. דערביי דערמאָנט ער די גרויסע היסטאָרישע וויכטיקייט, איר איין־און־איינציקער פאַרנעם אין דער פעלקער־געשיכטע פון הויפּט־שטעט אין דער וועלט. שוין אָפּגערעדט פון איר נאַטירלעכער שיינקייט, וועלכע ווערט באַשאָנקען מיט טיפער אָנערקענונג פון וועלט־גייסטער. ער פאַרגעסט אויך נישט דערמאָנען וויפל יונגע לעבנס זענען פאַרשניטן געוואָרן אין די שלאַכטן בעתן פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט פון ישראל.

מיר האָבן אויך געהאַט א גרויסן הנאה צו פרייען זיך, נאָך אַ געוויסע צייט, ווען מ'זעט זיך נישט, און ווי געזאָגט מען דערקענט זיך, אַזוי דריקט מען אַויס אינערלעכע פרייד בעת אַזעלכע יום־טובדיקע באַגעגענישן. טעשקאַ קאָרמאַן, צוזאַמען מיט דער פרעזידענטין פון פּאַרטשעוו, פריינט קאסטא, ווי אויך די פריינדין פון אַלעמען באַליבטע מרים טענענבאום, די פּרעזידענטין פון לובאַרטאָוו, גייען אַרום די טישן, און מיט דערהויבנקייט ווילן זיי אויפנעמען די צופרידנקייט פון די געסט בעת אַזאַ פייערלעכן צוזאַמענטרעף.

און ווי די שטייגער, באַמיען זיך די קאָמיטעטן אַריינפלעכטן אויך הומאָר, געזאַנג, פייערלעכקייט...

זאָל זיך דער עולם אנטשפּאַנען, אַרויס פון דער וואָכיקייט, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר יעדן איינעם. האָט טאַקע די באַקאַנטע גאָר סימפּאַטישע זינגערין ראָזיטאַ, אונז מהנה געווען מיט איר רייכן רעפּערטואַר די עטלעכע שעה, וועלכע מיר האָבן אַזוי היימיש, אנגענעם פאַרבראַכט, דער עולם האָט זיך געלאָזט אין טאַנץ, ווו זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַן אמתע צופרידנהייט. נאָך העכער 6 שעה פאַרברענגען, איז זיך דער עולם פונאַנדערגעגאַנגען און זיך געווונטשן אָפּט אַזעלכע צוזאַמענטרעפן.

# א גרויליקע יאָרצייט

## מאָניש איזראַעלעוויטש

דעם 3־טן נאָוועמבער 1943, האָבן די דייטשן אויסגעמאָרדעט אין מיידאַנעק די לעצטע 18.400 קוים לעבעדיקע, אויסגעמוטשעטע יידן פון לאגער און באגראָבן זיי אין צוגעגרייטן מאסן־קבר. היינט געפינט זיך נעכן דעם קבר דער דענקמאָל, וועלכער דערמאָנט אונדזער פאָלקס־טראגעדיע מיטן לאָזונג: "מיידאַנעק וואָרנט". דערנעבן א מצבה א שטיין מיט אן אויפשריפט: "דאָ זענען באגראָבן 18.400 יידן, דערמאָרדעטע דורך די היטלעריסטן". כבוד זייער אָנדענק.

די אָנפירונג פונעם מיידאַנעק־מוזיי אינפאָרמירט די אויספלוגן, וועלכע באזוכן דעם געוו. טויט־לאגער און פארשפרייט אויסגאבעס געווידמעט דעם היטלערישן בארבאריזם.

לעצטנס קומען אויך אויספלוגן פון ישראל, נאָר זיי קאָנטאקטירן זיך נישט מיט אונדז. צו דער יאָרצייט איז אין נאָמען פון דער הויפּט־פארוואלטונג פון קולטור געזעלשאפטלעכן פארבאנד אין וואַרשע געקומען מ. פעלדמאַן. דאָ האָבן מיר געלייגט בלומען־קרענץ און אָנגעצונדן ליכטלעך.

ס'איז אויך ארויסגעטראָטן א געוו. אסיר, וועלכן ס'איז געלונגען צו אנטלויפן, טשעסלאַוו קולעשאַ. ער האָט דערציילט וועגן די ליידן און פייניקונגען פון די ארעסטירטע.

ער האָט אפּעלירט: "קיינמאָל מער מלחמות". פון וואַרשע איז אויך געקומען זיגמונט ניסנבאַום, וועלכער האָט איבערגעגעבן וועגן זיינע ליידן אין דעם לאגער. ער האָט געזאָגט קדיש און געלייגט א בינטל בלומען.

אין אָנדענק פונעם יאָרטאָג פון ליקווידירן דאָס לובלינער געטאָ האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט ביים דענקמאָל אויפן פּלאַץ פון געטאָ־קרבנות. אין נאָמען פון קולטור־פאַרבאַנד און אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם "אָנדענק־הויז" האָבן מיר געלייגט בלומען־קרענץ און אָנגעצונדן ליכטלעך.

אויף דעם דענקמאָל לייענען מיר:

"איך זוך די טויטע מיינע אין יעדן בערגל אש".

דער שרייבער פון די שורות האָט צום סוף געזאָגט קדיש און אל מלא רחמים.



די אזכרה אין סאַן־פּאולאָ. אין פּרעזידיום: מאָטל דינער, מינטע יאַקובאָוויטש

# טרויער־אקאדעמיע צום 53־טן יארצייט פון חורבן לובלין

די יערלעכע הזכרה צום אנדענק פון די אומגעקומענע יידן פון לובלין און אומגעגנט וועט פארקומען זונטיק דעם 12־טן נאוועמבער 1995, 3 נ.מ, אין לאקאל פון "קימבערלי גארדענס" אין אינקערמאן גאס, איסט סט. קילדא.

צום באדויערן, זענען פון דער גרויסער שטאט לובלין און די ארומיקע שטעטלעך זייער ווייניק מענטשן געבליבן. דערפאר ווערן פארבעטן אלע לעבן־געבליבענע פון לובלין און אומגעגנט, מיט זייערע משפחות און פריינד, צו קומען און אפגעבן כבוד אין שייכות מיטן 53־טן יארטאג פון אומקום פון די קדושים, געפאלענע אין די געטאס און לאגערן, וועלכע זענען אויסגעראטן געווארן דורך די נאצי־מערדערס.

די לעצטע לובלינער געטא איז ליקווידירט געווארן דעם 9־טן נאוועמבער, 1942, ווען מען האט די איינוווינערס געטריבן צו די גאז־אויווונס פון טויט־לאגער מיידאנעק.

דעם "אל מלא רחמים" וועט מאכן רעוו. שטערנפיין. עס וועט אויך געוויזן ווערן א ווידאָ־פילם וועגן לובלין.

מ. ט.









די אזכרה נאך די קדושים פון לובלין אין מעלבורן, אויסטראליע

אזכרה לקדושי לובלין במלבורן, אוסטרליה

# מען שרייבט אונדז

## ד"ר עאוגעניוש סאקאָוויטש, לובלין

חשובה רעדאקציע פון "קול לובלין", יערלעכע אויסגאבע פון לובלינער אין ישראל.

פרילינג היו־יאָר האָב איך באקומען אן עקזעמפלאר פון "קול לובלין", אין וועלכן ס'איז אָפּגעדרוקט מיין ארטיקל "א רוף צו געדענקען. יידן אין מיידאנעק". דאָס פארעפנטלעכן אין ישראל מיין ארטיקל, איז פאר מיר א גרויסער כבוד און אויסצייכענונג. די פרייד איז נאָך גרעסער, ווייל איך בין א דאָקטער פון קאטוילישער טעאָלאָגיע, נאָר איצט בין איך א וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער. פון דער אקאדעמיע פון קאטוילישער טעאָלאָגיע אין ווארשע. אין די יאָרן 1994־1992 בין איך געווען וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פון מלוכהשן מוזעאום אויפן מיידאנעק אין לובלין. די ארבעט אויף דעם אָרט האָט מיך אויסעלערנט גרויס כבוד פאר דעם מענטש ווי א יחיד און פאר מענטשן ווי א פאָלק מיט פארשידענע קולטורן, טראדיציע און רעליגיע. מיידאנעק האָט ביי מיר באשטעטיקט גרויס כבוד פארן יידישן פאָלק. ווי א וויסנשאפטלעכער ארבעטער און ווי א מענטש, וועל איך שטענדיק זוכן וועגן פון דערנענטערונג און פארייניקונג מיט יידן און אנדערע פעלקער.

אין די לעצטע 2 יאָר האָב איך אָרגאניזירט עטלעכע וויסנשאפטלעכע קאָנפערענצן.

מיט אויסדרוקן פון טיפסטן כבוד און אכטונג.

ד"ר עאוגעניוש סאקאָוויטש

★

## קאראָלא ווייס, ווארשע (צו משה זאלצמאן, תל־אביב)

טייערער פריינד משה,

שרייבנדיק דעם בריוו, געדענק איך שטענדיק די וווּנדערבארע מינוטן וואָס מיר האָבן פארברענגט אין ישראל. און נישט צום ערשטן מאָל. איך און בינם ווייסן, אז דאָס איז אין א גרויסער מאָס צו פארדאנקען דיר, דיין הילף און הארציקייט. געדענק, דו קענסט שטענדיק רעכענען אויף אונדזער פריינדשאפט. אונדזער באשיידענע היים שטייט תמיד צו דיין דיספּאָזיציע. אונדזער רייזע איז אדורך גוט, אויך אויפן פלי־פעלד אין תל־אביב. דאקעגן אין בוקארעשט איז געווען נישט אין אָרדענונג. און אין בודאפעשט איז געווען א פארשפעטיקונג פון 3 שעה.

מיר האָבן שוין כמעט פארענדיקט אונדזער בוך וועגן לובלין. מען דארף עס נאָר באשטעטיקן צום דרוק.

ביי אונדז איז ווינטער און די טעמפעראטור דערגייט 13 – 10 אָבער אין שטוב איז ווארעם. מיט קנאה קוקן מיר אויף דער טעמפעראטור אין תל־אביב. מיר ווינטשן דיר, משה, א סך געזונט און כוח צו דער ארבעט, וועלכע דו האָסט אזוי ליב. מיר שיקן גרוסן פאר אלע לובלינער פריינד און באקאנטע. דיך נעמען מיר ארום מיט א סך ליבשאפט און סימפּאַטיע.

★

## בינם ווייס, ווארשע

טייערע פריינד,

מיט 2 טעג צוריק זענען מיר אהיים געקומען נאָך א באזוך במשך 4 וואָכן אין אייער שיינעם לאנד. ס'איז פאר אונדז געווען א גרויסע איבערלעבונג. איר האָט אונדז אויפגענומען אויף א פריינדלעכן, הארציקן אופן, וואָס האָט אונדז פארשאפט א סך פרייד און גענוס. איר האָט אונדז ארויסגעוויזן א סך הארציקייט און פריינדשאפט. מיר זענען געווען אין א לאנד, וואָס האָט אדורכגעמאכט א גרויסע טראגעדיע – דער מאָרד פון יצחק רבין ז"ל. זיינע פארדינסטן און זיין פּאָליטיק האָבן פּאָרויסגעזאָגט א בעסערע צוקונפט פאר ישראל. ס'איז מיר שווער צו שרייבן וועגן אזא גרויסן מענטש, וועלכן מיר האָבן פארלוירן.

איך וויל אייך הארציק באדאנקען פארן גוטן אויפנעמען אונדז אין ישראל, און ספעציעל פאר משה זאלצמאן. מיר שיקן איבער מיט דוד רוער 100 דאָלאר פארן "קול לובלין".

פון א טעלעגראם פון דער משפחה ווייס פון ווארשע:

"אין דער 53 סטער יאָרצייט פון ליקווידירן דאָס לובלינער געטאָ, צוזאמען מיט די יידן – בויגן מיר די קעפּ און זענען מיט אייך.

★

## טעשקע קאָרמאַן־פּאָרשטעטער, פּאריז

מיינע טייערע דוד און רבקהלע,

איך דאנק אייך זייער פאר דער ווארעם־הארציקער באגריסונג – בריוו צום אויסטיילן פאר מיר די אויסצייכענונג פון פראנצויזישן ערן־לעגיאָן. בייגעלייגט א בילד און ארטיקל פון מרדכי לערמאן אין "אנדזער וואָרט". איר קאָנט דאָס ארטיקל אריינגעבן אין "קול לובלין", וואָס וועט מיר פארשאפן א סך פרייד און פארגעניגן. ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדרוקן דיר, דוד, א יישר כוח פאר דיינע באמיאונגען ביי דער רעאליזירונג פון דעם אָנדענק־טאָוול פון דער פאריזער לאנדסמאנשאפט אין פאריז צו אירע 65 יאָר עקזיסטענץ אין קינדער־מוזעאום "יד לילד" אין קיבוץ "לוחמי הגיטאות". דאס איז געווען די געבענטשטע איניציאטיוו פון אונדזער סעקרעטאר משה זאלצמאן, אז אין ישראל זאָל זיין אן אָנדענק־טאָוול לזכר די 12 דערשאָסענע לובלינער יידן אין פּאריז, און די 200 דעפּאָרטירטע.

★

## פּראָפ׳ לעאָן שיפּמען,
### פּאַריז

איך בין צופרידן וואָס דו ארבעסט ווייטער פאר די לובלינער. כ׳וואָלט געוואָלט דערלעבן דעם טאָג, ווידער צו קומען קיין ישראל און זיך פרייען מיטן לאנד און מיט אונדזער גענעראציע. א גרוס פאר אלע לובלינער אין ישראל.

★

## גיטעלע עדעל-שילדקרויט,
### פּאַריז

איך האָב אדורכגעלייענט דעם גאנצן "קול לובלין" און ס׳איז צו באוווּנדערן די לאנדסמאנשאפט אין ישראל, וואָס גיט נאָך ארויס דעם זשורנאל. מיט א באזונדערער הנאה האָב איך געלייענט וועגן מיין טאָכטער סעסיל. זי האָט לעצטנס געמאכט א דיסק מיט נאָך א מוזיקער, ד.ה. 4 הענט אויף איין פּיאַנאָ. די לובלינער אין פאריז קומען זיך נאָר צונויף אויף דער אזכרה.

★

## יהודה-יצחק ראָזנצווייג,
### פּאַריז

חשובער פריינד משה,

כ׳שיק דיר א טשעק אויף 400 פראנק. 350 פארן "קול לובלין", לזכר מיין חבר ד״ר אדאָלף הערץ. געשטאָרבן אין אמעריקע. כ׳בעט אונדזערע ישראל־חברים מיר צושיקן דעם אדרעס פון זיין ברודער עדווארד, וואָס וווינט אין חיפה, אָדער פון ברודער קורט, וואָס וווינט אין קיבוץ עין־שמר. מיר זענען געווען יוגנט־חברים אין לובלין.

איך קאָן לײדער, נישט קומען אויפן יערלעכן באנקעט פון דער סאָסיעטע לובלין־לעוואַרטאָוו־פּאַרטשעוו. איך ווינטש די אלע לאנדסלייט א"גוטן אפעטיט".

★

## משה זאלצמאן,
### פּאַריז

צוליב די שטרייקן אין פראנקרייך, איז בלויז די וואָך אָנגעקומען דער "קול לובלין". אמאָל האָט איר געשיקט אויף מיין אדרעס 5 קאָפּיעס, לעצטנס האָב איך נאָר באקומען 1 עקזעמפּלאר און נישט געקענט געבן פאר די וואָס האָבן דעם זשורנאל נישט באקומען. מיר איז דאָ געלונגען צונויפצוזאמלען 4.600 פראנק פאר דער צייטונג.

טעשקע פאָרשטעטער־קאָרמאן – 500 פראנק; יהודה ראזנצווייג – 400; צו 200 פראנק – משה זאלצמאן, שמואל וואַראַ; צו הונדערט פראנק – פאמיליע בינשטאָק, דינאלע ראָטשטיין, ניסענבוים, פון דער קאסע – 3000 פראנק.

איך בין צופרידן וואָס ס׳איז רעאליזירט געוואָרן מיין פלאן אָפּצוצייכענען מיט אן אָנדענק טאָוול די 65־יאָריקע עקזיסטענץ פון דער לובלינער סאָסייטי. א דאנק דיין מיטהילף, איז דאָס אויך געלונגען אדורכצופירן אין "יד לילד" ביים קיבוץ לוחמי הגיטאות. א דאנק פארן אָפּדרוקן אין "קול לובלין" מיין ארטיקל "65 יאָר לובלינער לאנדסמאנשאפט אין פאריז".

★

## מענדל ווייסמאן,
### קאָפּענהאגן

איך דאנק אייך זייער פאר די פאָר ווערטער. איך פריי זיך זייער פון אייך צו הערן. איך וויל אייך זאָגן, איך פיל זיך שטארקער אין מיין "איינזאמקייט", וויסנדיק אז איר זענט דאָ און הערנדיק פון אייך.

איך בין זייער צופרידן, אז איר האָט אָפּגעדרוקט אין "קול לובלין" מיינע דערמאָנונגען. זיכער – נאאיוו־קינדעריש. דאָס איז נאָר א טייל. איך שרייב א גרעסערע ארבעט אויף דער טעמע. נישט צום דרוקן – פאר מיין אייניקל אין 20 יאָר ארום. איך האלט, אז יעדער לובלינער ייד דארף דאָס טאָן. נאָר איך האָב נאָך דערווייל נישט דערהאלטן דעם זשורנאל. האָט ער פארשפעטיקט?

★

## נאטעק אקערמאן,
### שטאָקהאָלם

א דאנק פארן בריוו. די ניי־יאָר ווונטשן האָט איר זיכער דערהאלטן. מיר האָבן געהאט א טרויעריק יאָר. ס׳איז געשטאָרבן אונדזער שוואָגער אברהם זאָרקראָט, נאָך א לאנגער און שווערער קראנקייט. און פאוועל שאפּראן (77 יאָר). אונדזער גענעראציע פארקלענערט זיך און אז איך באקום דעם "קול לובלין" און זע די צאָל נעקראָלאָגן דאָרט, איבערצייגט מען זיך ווידער וועגן דער שטערבלעכקייט פון יעדער איינעם.

שטעל זיך פאָר, אז אין לובלין איז אנטשטאנען א געזעלשאפט פון געוו. אבסאָלווענטן פון דער סטאשיץ־גימנאזיע, וועלכע איז אקטיוו און זיי האָבן מיך אָפּגעזוכט. מיר זענען דאָרט געווען 4 יידישע שילער אין קלאס: איך, פרידלענדער, טורקעלטאוב און הערשנהאָרן.

נאָך 26 יאָר באזוכט פוילן צוליב דער עמעריטור וואָס איז מיר אנערקענט געוואָרן נאָך פריער. מיר טראכטן וועגן באזוכן ווידער אמאָל ישראל, אויב דאָס געזונט וועט דערלויבן. איך לייג ביי 50 דאָלאר פאר "קול לובלין".

★

## אדאם געלדמאן,
### סאַן־פראנציסקאָ

איך דערמאָן נאָך אלץ די הערלעכע טעג וואָס איך האָב פארברענגט אין ישראל. מיר דוכט זיך, אז דאָס אלץ איז געווען א חלום. איך וועל אלץ טאָן, כדי ווידער אמאָל צו זיין אין ישראל.

איך גלויב, אז ביז צום סוף יאָר, וועט מיר געלונגען ארויסצוגעבן א בוך וועגן דער שואה. דאָס בוך איז געשריבן אין רוסיש. איך שיק אייך 3 דערציילונגען. איינע איז וועגן מיין משפּחה, וועלכע איז אומגעקומען פון היטלעריזם און מיינע

רעפלעקסן וועגן "יד ושם" ווען איך האב דאָרטן באזוכט. די צווייטע דערציילונג – דער אָנהייב פון קריג. די דריטע־וועגן שטעטל לענטשנע, ווו ס'האָט געוווינט מיין זיידע יחזקאל געלדמאַן.

איך פאָלג נאָך די סיטואציע אין ישראל. צום נייעם יאָר – א סך געזונט, פרייד און נחת. זאָל דער הימל אין ישראל שטענדיק זיין א בלאָער און העלער.

★

## צפורה שפייזמאַן,
## ניו־יאָרק

איך ווינטש אייך א געזונטן און פריילעכן פסח. איך שפיל אין יידישן טעאטער "פאָלקסבינע". מיר זוכן פיעסן. און דאָס גיט כוח אויסצוהאלטן און ממשיך צו זיין. דיר, דוד, ווינטש איך באנייטע יאָרן זאָלסט קאָנען אָנגיין מיט דיין ארבעט און מיטן לובלינער זשורנאל. איך באקום די צייטונג און עס טוט ווײ דאָס הארץ וויפל עס גייען אוועק פון אונדזער דור. שנור איז שוין אויך נישטאָ. מיר קאָנען דאָ גאַרנישט ענדערן. איך שיק אייך מיין באשטייערונג פארן "קול לובלין" און ווינטש אונדז אלעמען, אז די צייטונג זאָל נאָך אָנהאלטן א סך יאָרן. מיינע לובלינער נעם איך ארום און קוש זיי, ספּעציעל די משפּחה אייזענבערג. זייט געזונט.

★

## ישראל אייזענבערג,
## לאָס־אנזשעלעס

איך האָב דערהאלטן ענטפער אויף מיינעם א בריוו פון חנה'לען, די טאָכטער פון יאָסעלע ליכטענשטיין ז"ל. איך דערמאָן אים צום גוטן, ווייל ער האָט זיך באמת פיין אויפגעפירט ביים דייטש, אויף ליפּאָווע 7, ווי איך האָב דאָס באשריבן אין מיין בוך "פארוואָס גראָד איך" (ז' 24).

איך האָב היינט באקומען דיין בריוו פון שפּיטאָל, ווו דו געפינסט זיך דאָרט שוין 40 טעג. 40 טעג ביי יידן איז א מזלדיקע זאך און איך האף אז דו וועסט האָבן א רפואה שלמה.

★

## יוסף קאפּלאַן,
## מאָנטרעאל

חשובה פריינדין אירית גאָטליב,

אין "קול לובלין" נומ' 31 פון נאָוועמבער 1995, אין דער רשימה פון באשטייערונגען, איז נישטאָ די 300 דאָלאר, וואָס מיר האָבן זיך באשטייערט. מיר ווילן וויסן פארוואָס. זייט געגריסט, ווי אויך אלע לובלינער אין ישראל.

★

## ג. פעלץ,
## טאָראָנטאָ

מיר שיקן אייך ארויס א טשעק פון 500 דאָלאר. אנטשולדיקט, וואָס מיר האָבן זייער לאנג צו אייך ניט געשריבן. פאראיאָרן האָבן מיר צוליב געוויסע סיבות, ניט געהאט די מעגלעכקייט אויך צו שיקן א טשעק.

מיר לעבן מיט די געשעענישן אין ישראל און ווילן האָפן, אז עס וועט זיין גוט. מיר ווינטשן אייך אלעס בעסטע און וואַרטן אויף אן ענטפער.

לובלינער אָרגאניזאציע אין טאָראָנטאָ.

★

## פּעסע פאָגעל, אבע סלאָמא,
## טאָראָנטא

מיר האָבן דערהאלטן דעם "קול לובלין", פאר וועלכן מיר דאנקען זייער. מיר ווינטשן דיר, טייערער פריינד, לאנגע, געזונטע יאָרן און ענערגיע פאָרטצוזעצן דיין אלזייטיקע, געזעלשאפטלעכע ארבעט, און דער עיקר – ביים ארויסגעבן דעם "קול לובלין". א טייל לובלינער יידן דוכט זיך, אז מ'איז אין דער היים. גרוסט אלע, ספּעציעל די וואָס געדענקען אונדז נאָך. א ספּעציעלער גרוס פאר רבקהלען. מיר ווינטשן אייך אלע א גוט יאָר.

★

